S. SHAYEVITSH

LEKH-LEKHO (Go you forth)

Lodz Ghetto, 1942

ש. שאַיעוויטש

# לך לך...

און אַצינד בלימעלע, קינד-לעב,
צום דײַן קינדערישע פֿרייד —
סיקוועקזילבערדיקע טײַכל אין דיר —
און צום אומבאַקאַנטן וועג לאָמיר זײַן גרייט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע ברוינע
אויגענעס אויף מיר נײַגעריק אויס
און פֿרעג נישט פֿאַרווען און פֿאַרוואָס
מיר מוזן פֿאַרלאָזן אונדזער הויז

איך אַליין בין שוין, קינד-לעב, שיינס,
אַ מענטש דערוואַקסן און שוין גרויס
און ווייס אויך נישט, פֿאַרוואָס מען טרײַבט
דעם פֿויגל פֿון זײַן נעסט אַרויס.

האַלט-אײַן דײַנע זיסע צאַרטע
געלעכטערלעך — זילבערנער געקלאַנג
פֿון פֿאַרצײַטישע בשׂמים-ביקסלעך —
און טו דיך אָן צום צווייטן גאַנג.

טו-אָן די פּאָר וואַרימע הײַזלעך,
וואָס סיהאָט דיר צורעכטגעמאַכט
די מאַמע ערשט נעכטן בײַנאַכט
און דערבײַ געוויינט און געלאַכט

און נישט געוווסט, אַז די שטוב הערט
שוין איר לעצט פֿריילעך געלעכטער,
ווי די קו וואָס מעקעט און ווייסט נישט
פֿון חלף אין האַנט פֿון שעכטער.

טו-אָן, קינד, דאָס בלויע יאַקעלע,
וואָס כאָטש אַ ברעג האָט זיך אָנגעברענט
בײַם טרוקענען אויף דער רער — וועט עס דיר [1]
וואַרימען דאָרט אין דער קאַלטער פֿרעמד

און אָפּהיטן דײַנע לונגעלעך,
אַז זיי זאָלן זײַן שטאַרק און געזונט.
און זיך חלילה נישט צוקילן [2]
בײַ ליאַדע פֿרעסטל בײַם מינדסטן ווינט.

די פֿראָסט דרויסן סמאַליעט, ברענט, בריט,
נעמט אַרום מיט אַן אײַזערנע רייף
— נו, פֿאַרפֿלעכטן וועט דיר די מאַמע
די צעפּעלעך מיט אַ רויטע שלייף.

די פֿראָסט דרויסן גליט, פֿלאַמט, שטאַלט דעם גוף.
און דער באַראָמעטער ווײַזט אַכצן גראַד —
נו, כיהאָב פֿאַר דיר קינד-לעב אויסגעזוכט
סיגאָלדן בענדל מיט טראַלדזן פֿון זײַד.

שטעל — נישט דײַנע גרויסע ברוינע
אויגענעס אויף מיר אַזוי אויס [3]
און פֿרעג נישט פֿאַרווען און פֿאַרוואָס
מיר מוזן פֿון אונדזער שטוב אַרויס

און לאָזן זיך אין ווײַטע, ווײַטע [4]
אומבאַקאַנטע פֿאַרשנייטע וועגן
און אַנשטאָט אַ דאָרף, אַ שטאָט
זאָל דער פּחד קומען אַקעגן.

און זײַן ווי מיסט צום מיסטן, צוגעגרייט
צו אַלערליי, אַלערליי פּלאָגן,
און אָט דאָ ווי הײַנט נעכטיקן
אָט דאָרט נישט מאָרגן טאָגן.

און נישט האָבן קיין ידיעה
וואָס דיך אין ווײַטן וועג דערוואַרט;
צי אַ וואַרעם בעט צום שלאָפֿן,
צי אַ גאָלן דיל — קאַלט און האַרט

צי אַ טעפּל וואַרימע קאַווע
און אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ באַשיט,
צי גאָר לעבעדיק, אָ לעבעדיק
און ברידער-קבֿרים פֿאַרשיט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע, ברוינע
אויגענעס אויף מיר אויס מיט חידוש,
וואָס אין אַ פֿראָסטן מיטוואָך מאַך איך
דעם פֿרײַטיק צונאַכטיקן קידוש.

דאָס מאַך איך קידוש: „יום השישי“
איבער אונדזער היימישער נעסט,
און זאָג מיט פֿרייד: „שלום עליכם“
צו די צוויי מלאכים-געסט

וואָס באַגלייטן מיך און גייען
אומעטום מיט מיר מיט זײַט בײַ זײַט,
און וויינען-מיט מיט מײַן געוויין,
און פֿרייען זיך מיט מײַן פֿרייד.

די צוויי מלאכים-געסט — ווער ווענען?
נו, טרעף שנעל ווי אויסן בויגן די פּײַל —
דאָס ביסטו, דאָך בלימעלע קינד-שיינס,
און דײַן מאַמע — די אשת חיל

וואָס אין איר געמיט רוט תּמיד
דער שבת, כאָטש סיפּנים פֿאַרכמורעט,
ווי סירוט די זון אונטערן וואָלקן
אין רעגן-טאָג, ווען דער הימל — פֿאַרכמורעט.

און כאָטש אין באַקאַנטן געטאָ-מקום
האָט זיך אונדזער נעסט געפֿונען
און אַ זילבער-שנייאיק געוועב
האָט די פֿראָסט-שפּין פֿאַרשפּינען

דורך די דינע, הילצערנע ווענטלעך
פֿון אונדזער ענג נישט געהייצט צימער
און ווי ווייס-טויטע הענט געשראָקן
מיט איר קאַלט-אומהיימלעכן שימער

און כאָטש דער הונגער און די זאָרג
האָבן געבויגן דעם רוקן
און שרעק — אַן אַרומשפּרינגענדע זשאַבע —
צעגראָבן סיפּנים ווי בײַ אַ זקן —

צוגעבונדן צו אונדזער ווינקל
זענען מיר מיט טויזנטער שטריק
און אין אונדזער האַרץ ברענט דאָס פֿײַער
און פֿלאַטערט דער חלום פֿון גליק

ווי די גאָלדענע זאַטע זשאַרנע
אינעם שנעבעלע פֿון פֿויגל
איז דער חלום אונדזער שפּײַזער
אַ זוניק בראָנזן האָניק-טייגל,

וואָס כאָטש נישט איינמאָל האָבן מיר זיך
אַנטוישט און ביטער אָפּגענאַרט —
האָט ער דעסטוועגן געגעבן כּח
און מיר האָבן אויף בעסערס געוואַרט.

---

און אַצינד בלימעלע קינד-לעב
הער אויף... נו, הער שוין אויף צו שטיפֿן...
נישט קיין פּאַסיקע צײַט איצט דערויף —
מען קאָן אונדז יעדע מינוט רופֿן...

צו פֿערלאָזן די אָרעמע היים —
אַן עלנט שיפֿל אויפֿן אינדזל פֿון זאַמד [5]
און שלײַדערן אונדז אין מיטן
נאַקעט צעבושעוועטן ים.

אָט דרויסן שלעפּן זיך שוין פֿאַרבײַ
די ערשטע גרופּן אויפֿן וואַנדער —
פֿרויען, מענער, זקנים, אויף דוקנס —
משׂאות שווערע, אויף הענט — קינדער.

זייערע פֿאַרבאַבלטע פּנימער
זענען פֿון שאַנד און פֿראָסט שיכּור-רויט,
זייערע שריט — פֿאַרחלשט-וואַקלדיק,
מיט בליקן-פֿאַרמשפּטע צום טויט.

נאָר אויף דעם חורבן איז נישטאָ
ירמיה וואָס זאָל קלאָגן איכה,
ער גייט נישט מיט מיט זיי און גלות
צום טרייסט ווי בײַ די בבֿל טײַכן

און שטעל נישט קינד-לעבן אויף מיר אויס
דײַנע אויגן מיט חידושדיק געפֿרעג
פֿאַרוואָס גייען בלויז אָרעמעלייט
און די זאַטע וווּ צום ווײַטן וועג?

ווייס. קינד — „עולם-וועלט, עולם-אייביק“ —
ס׳ווערטל פֿון חכם אַ באַוווּסטן —
כ׳האָב דאָך דיר שוין דערציילט די מעשׂה —
די מעשׂה מיט די קאַנטאָניסטן.

. . . אָרעמע קינדער געכאַפּט און פֿון
טאַטע-מאַמע אַוועקגעריסן
טאָ וואָס זשע קינד וווּנדערסטו זיך,
אַז יענע צײַט לאָזט די געטאָ גריסן...

און מיר מוזן נעמען אין האַנט
דעם אַלטן וואַנדער-שטעקן און גיין
און נישט ווייסן וווּ ס׳וועט אַהינקומען
אונדזער אָרעם און קראַנק געביין

צי מיר וועלן קומען ערגעץ
און דערגיין אויף אַן אָפּרו-אָרט
און מענטשן וועלן אויסשטרעקן
הענט פֿרײַנטלעכע מיט אַ גוט וואָרט

צי ווי פֿייגל קראַנקע, וואָס בלײַבן
ליגן טויט אין פֿעלד ערגעץ אין אַ טאָל
וועלן מיר אויסגיין אין מיטן וועג —
נישט קומען צו קבֿר ישׂראל.

און סעודות וועלן זיך די ראָבן
מאַכן פֿון אונדזערע גופֿים
און אַז זאַט וועט ווערן איין טשאַטע
וועט זי דאַן די צווייטע רופֿן.

ווײַן נישט טײַער קינד. ווײַן נישט! ס׳לעבן
איז טאַקע שיין און ס׳ציט ווי מאַגנעט
און נאָך מער ווי תּמיד און נאָך מער
ווי אומעטום ציט׳ס אויף נאָך דער געטאָ.

ווייס אָבער — דער ייִדישער מענטש
מוז תּמיד זײַן מוכן ומזומן
סײַ צום רעשיק פֿאַרביק לעבן.
סײַ צום ווייסטן טרויעריק אומקומען. 6

אָט וועסטו — פּאַק איך אײַן דעם טלית
און דעם קיטל אויף תּכריכים
און אויך דאָס קליינע, רויטע תּנ״ך
און לייוויקס לידער אויף צײַט פֿון מנוחה.

און דו קינד — נעם מיט ס׳שטיקעלע זייף
אויסצווואַשן דיר אַ העמדל —
ריין מוז מען זיך האַלטן אין דער היים
און נאָך מער און דער פֿרעמדער פֿרעמד.

פֿאַרגעס אויך נישט מיטצונעמען
ס׳ניסן קעמל ס׳ווײַסע און געדראַכטע —
דאָס קעפּעלע וועט דיר די מאַמע
אָפּקעמען יעטווערן פֿאַרנאַכט

און זען און אַכטונג געבן אויף דיר
זאָלסט חלילה נישט ווערן פֿאַרלויזט
און זינגען דיר: „ביבל, ביבל
לייעלע“ און דיך האַלטן אויף איר שויס

און דיר דערציילן מעשׂהלעך
פֿון אַמאָל, וואָס ענדלען צום הײַנט
און זי וועט אַליין זײַן ירמיה,
וואָס טרייסט אַלעמען כאָטש ס׳האַרץ שרעקט און וויינט.

---

און אַצינד בלימעלע קינד-לעב
וויז נישט דײַנע ווײַסע ציין אַרויס —
צום געזעגענען זיך מיט דער שטוב
געבליבן צײַט איצט פֿאַר אונדז בלויז

טאָ לאָמיר זיך געזעגענען
מיט אַלעם וואָס אונדז איז ליב און טײַער! 7
מיט יעדער קלייניקייט וואָס מיר לאָזן
דאָ איבער און סילויעט אונדז נאָך ווי פֿײַער.

מיט דער בענקשאַפֿט וואָס אַרײַנגעהויכט
אין איטלעכער זאַך ס׳האָט מײַן לונג
און וואָס האָפּסלט אונדז ווי אַ הינטל
סײַ ווי אומעטום נאָך טרײַ און פֿלינק.

מיט די נישט דערזינגענע געזאַנגען,
וואָס פֿלאַטערן דאָ אַרום אין שטוב
און לויפֿן פֿאַרויס און גייען
אַקעגן ווען מ׳פֿירט אונדז צום גרוב.

לאָמיר זיך מיט יעדן פּיצל
געזעגענען פּונקט ווי אַלטע באַבעס;
ווי מען געזעגנט זיך פֿרום פֿאַרנאַכט
מיטן הייליקן טאָג שבת

ווען שאָטנס קריכן אויף ווענט און מ׳דערבליקט
פֿינקלענדיק, וואַכעדיקן שטערן —
ס׳האַרץ נאָגט, צאַפּלט, ווערט צעריסן באַנג
און פֿון אויגן קײַקלען זיך טרערן.

אָט איז דער טיש — דערויף ס׳טישטוך
מיט די בלויע קענטעלעך פֿאַרשפּרייט;
אויף אים האָט דײַן אָרעמע מאַמע
אירע מאָלצײַטן צוגעגרייט.

כאָטש נישט תּמיד וואָס צוגרייטן
האָבן געהאַט אירע בלייכע הענט,
האָט דערסטוועגן אַ ליבער יום-טובֿ
אייביק פֿונעם טיש אַראָפּגעבלענדט.

אויפֿן טיש האָט אויך אויסגעזאָסן 8
דײַן טאַטע זײַן פֿיבערדיק געמיט;
דעם טישס האַלצן האַרץ דער ערשטער געהערט
דעם ניגון פֿון זײַן אומעטיק ליד. 9

און האָט אויפֿגעציטערט-דערשראָקן
און גענומען מיטברומען שטיל
און אין וואַלדיק-שאַרפֿן ריח
אונדזער אָרעם שטיבל אײַנגעהילט

און די פֿײַכט אײַנגעהויקערטע וואַנט
האָט אויסגעבויגן ס׳קרומע אויער,
זיך געחידושט און מיטגעפֿליסטערט 10
דאָס ליד פֿון פֿרייד, דאָס ליד פֿון טרויער.

און דער באַלקן אַראָפּגענידערט
צו הערן די מאָדנע געזאַנגען
און דער דיל דבֿיקותדיק זיך געדרייט
און פֿאַר מתיקות שיר אויסגעגאַנגען

אָט, קינד-שיינס, איז די גאַרדעראָב —
צוויי טירן און אין דערמיט אַ שפּיגל,
וואָס האָט זיך אַלעם שטיל צוגעזען
און אין גלעזערן האַרץ עס פֿאַרזיגלט,

און טראָגט אין זיך די ווניקע פֿאַרב
פֿון דײַן רויט קערפּערל. בײַם געבורט
און ערשטן פּראָטעסט וואָס צעקרומט האָט
דײַן זײַרן ליפּעלע אָן וואָרט

און ווי אַ פּאַטעפֿאָן-פּליטע —
טראָגט פֿאַרבאָרגן אין זיך דער שפּיגל
ס׳ערשטע ליד מיט וואָס אײַנגעדרימלט ביסט
אין דײַן פּראָסטן שטרויענעם וויגל

און פֿאַרקריצט איז דאָרט דײַן ערשט געלעכטערל,
וואָס האָסט צעשפּריצט ווי שאָקאָלאַד ויסע
און אויך שוין דער דערצו ענדלעכער
מויל-קרום פֿון לעצטן ווי דעם [illegible]

און אַט, קינד, אין רעכטן פֿליגל־שאַנק
האָט דײַן מאַמע געהאַלטן די וועש,
וואָס אירע הענט אַליין געוואַשן
און זיי האָבן געשמעקט מיט ריחות פֿון בעז.

און זי האָט זיי געפּלעגט אַרײַנווײנען,
ווען איר האָפֿנונג איז צערינען
און די חלומות האָבן זיך
געלאָשן ווי פֿאַרנאַכטיקע זינען.

נאָר אָפֿט אַרײַנגעלאַכט ווען אין מיטן
פֿאַראַכטן זיי האָט זי אײַנגעדרימלט
און געזען דײַן מזל — אַ זון,
וואָס גייט אויף אין בלויען הימל.

און אין לינקן פֿליגל ליגן דאָרט
ספֿרים, ביכער און מײַנע כּתבֿים —
ישעיה חבֿרט זיך מיט געטען און רב
יונתן אײבעשיץ מיט טוווים.

און יעסענין וויל זיך אָנשיכּורן
און משתּין זײַן בּפֿני קהל ועדה
נאָר ער זעט פּלוצים, ווי אַבֿרהם
פֿירט יצחקן אויף דער עקידה.

מרים אולינאָווער ווײַזט פֿון איר
באָבעס אוצר די „אַנטיקלעך“ —
פֿלאַמט דוד המלך אויף בײַם תּהילים
און מאַכט לכּבֿוד אים רקודימלעך. 11

און דער קאָצקער שטייט נאָך אַלץ און וואַרט
מיט קנויליקער באָרד און בייז געבּרום
אויף צען יונגעלײַט וואָס זאָלן פֿאַר וועלט
אויסשרײַען: „ד׳ הוא אלוקים“.

נאָר דער וואָרקער קלאַפּט אים פֿרײַנטלעך
אין פּלייצע, אַזש בײַם קאָצקער ציקט די ברעם:
„ניטע, ניגלות איז אַ ייִד יעדן טאָג 12
שוין מקיים מצוות קידוש השם — —

אַ מער — מירן כאַפּן ייש אַ קאַפּ, 13
אַ שטיקל קעז און זאָגן לחיים
און שוין צײַט דער בורא ברוך הוא
אַליין זאָל מקדש זײַן שם שמים“....

און מיט הכנעה און מיט ציטער
ליגן מײַנע לידער און נאָוועלן; 14
זיי ליגן און וואַרטן מיט שרעק 15
ווי אָרעמעלייט אויף רײַכע שטעלן

און שעפּטשען שטיל, פֿליסטערן מיט תּחנונים 16
ביז סידערהערט זייער מורמלען רב אשי
און הייסט מאַכן אַ וואַרע און סיווערט
אויף פֿרײַנטלעך דער שטאָלצער שלום אַש

און אַ גערודער ווערט: „נאָך איינער
אין דער משפּחה... לאָמירן קרוינען“ —
צעשפּרייט אהרן הכּהן די הענט
צום דוכן און זאָגט ברכּת כּוהנים...

ציטערט, ציטערט ספֿרים הייליקע
ציטערט, ציטערט חלומות פֿון גאונים —
אין באַגין אַמאָל וועט איינער אויפֿשטיין 17
און אין די בלויזע תּחתּונים

וועט ער פֿון אײַך שניידן קוואַדראַטנע
שטיקלעך אשר־יצר פּאַפּיר
און ריוועט זיך נאָך קרומען: „ס׳באַשריבן —
סיקאָן נאָך חלילה פֿאַרשאַדטן מיר“....

און אַט איז סיבעט ווו ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט
די קראַפֿט פֿון אדם הראשון
און וואָס איז דער עדות פֿון געטער,
פֿון אַ מעשׂי־בראשית אַ פֿרישן.

דאָס בעט וואָס האָט אונדז צאַרט פֿאַרוויגט
מיט די זיסטע, שענסטע חלומות
און געוויזן פֿרויען — טויזנט מאָל
שענער פֿאַר די טויזנט ווײַבער שלמהס.

דאָס בעט, וואָס האָט אונדז אויפֿגעהויבן
ווי אַ כּשופֿדיקע ראַקעטע
און איבער אַלע צוימען און דראָטן
אונדז אַרויסגעפֿירט פֿון דער געטאָ

און געפֿלויגן מיט אָדלער־פֿליגלען
איבער מדינות און שענסטע מקומות —
אין נעכט פֿון צער אַרויסגעצויגן
אונדז פֿון די טיפֿסטע, טיפֿסטע תּהומות

און אונדז געמאַכט יונג, און שיין און פֿריש —
אַרײַנגעוועצט אין שלעסער גאָלדענע
און אָנגעטון קרוינען אויף די קעפּ
דווקא אין שעהן פֿאַרשאָלטענע

און אונדז דערציילט וווּנדערלעכע
מעשׂות פֿון טויזנט און איין נאַכט,
און אין אונדזערע טריבע געמיטער
מיט טויזנט חנען אַרײַנגעלאַכט.

קרעכץ, קרעכץ לײַטועליקריק הייליק בעט —
אויף דער קילאָ פֿאַרקויפֿט ווערסטו אַצינד —
אַ געטאָ־ווּפֿ אָפּצוקאָכן
בײַ דײַן פֿלאַם איז אסור נישט קיין זינד......

---

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב —
אַט זע ווי דרויסן וואַנדערט שוין אויס 18
די צווייטע גרופּע אין גלות אַרײַן —
באַלד וועלן מיר אויך מוזן אַרויס.

און כאָטש, קינד, ביסט אַ מיידעלע
און ווער ס׳לערנט מיט זײַן טאָכטער תּורה
איז ווי ר׳וואָלט איר אויסגעלערנט צו טון
אַן אומווירדיקע עבֿירה —,

געקומען איז דער בייזער טאָג,
געקומען איז די בייזע שעה,
וואָס לערנען כּימוז מיט דיר, אַ מיידעלע,
די שרעקלעכע פּרשה לך לך

נאָר ווי מעג מען עס פֿאַרגלײַכן
צום בלוטיקן לך לך פֿון הײַנט? ! —
„און געזאָגט האָט גאָט צו אַבֿרם
גיי דיר אַרויס פֿון דײַן לאַנד

און פֿון דײַן געבורטס־אָרט און פֿון
דײַן פֿאָטערס־הויז צום לאַנד, וואָס כ׳וועל דיר
אָנווײַזן און דאָרט וועל איך
מאַכן אַ גרויס פֿאָלק פֿון דיר“........

און איצט מוז דאָס גרויסע פֿאָלק אַרויס
צום אומבאַקאַנטן ווײַטן וועג —
קראַנק און מיד — צעבראָכענע שיפֿלעך,
וואָס דערשווימען נישט צו קיין ברעג.

ווער ס׳וועט פֿאַר הונגער־חלשות
זיך אַראָפּזעצן אין מיטן שניי
און שטיל אַזוי און פּײַנלעך אַווי
ווי אַ הינדל אויסגיין אין זײַן וויי.

וועמען ס׳וועלן פֿאַר שרעק די אויגן
אַרויסקריכן און אין מיטן גיין
וועט אים פּלוצים ס׳האַרץ — אַ סטרונע פּלאַצן
און ער וועט פֿאַלן שווער ווי אַ שטיין.

און וועמענס אַן אָפּגעציטערט קינד
וועט אין פֿראָסט־פֿײַער פֿאַרפֿרירן
און די מאַמע וועט׳ס נאָך טראָגן לאַנג
און מיינען אַז ס׳טוט זיך נאָך רירן.

און טאַטעס וועלן רופֿן די קינדער
און קינדער וועלן מאַמעס מאָנען —
משפּחות וועלן זיך פֿאַרלירן
און זיך מער נישט אָפּגעפֿונען.

און לאַנגע שטחים וועט מען טראָגן
אויף אַקסלען ס׳גרויסע שווערע געפּעק
און לסוף ס׳אַוועקוואַרפֿן און צומאָל
נישט האָבן קיין קישן אונטערן קאָפּ

און דער קראנקער וועט אן כח
אין טיפע שניען בלייבן שטעקן —
די פייגל וועלן פארבייפליען
און ווי פאר סטראשידלעס זיך שרעקן.

און פרויען מיט מעוברתע לייבער [19]
וועלן פארשמאכטע אנידערקניען
באלד וועלן זיי פאלן אהינטער זיך
און דער שניי וועט זיי ווי קוילן גליען

און פון די פייערדיקע פנימער
וועט זיך גיסן טויט-קאלטע שווייסן
און דאס הינטישע און ווייען געוויי
וועלן זיי מיט די ליפן פארבייסן

און זיך ברעכן און זיך קורטשען
אויפן פיינלעך-שנייאיקן בראך-שטול
קעגן הימל, קעגן זון, קעגן גאט.
קעגן אלע וואס האבן זיך לוסטיק צעשפילט.

איבער זייער טראכט וואס מפילט אין שניי
און באפרוכפערט סיפעלד מיט בלוט און געוויין.
ווייסער שניי צינדט זיך רויט און וועט —
אין גאלדענע זאנגען אויפגיין.

און מיט טויזנטער פיינען און מיט
טויזנטער שרעקן וועט די נאכט גרוילן —
כאטש די לבנה לייכט העל — דער שטערן-פינקל [20]
וועט יאגן אימהדיק ווי ביקסן קוילן [21]

און ס'איז אונטער די פיס וועט קנאקן
מיט דער בהלה פון שראפנעל-אויפרייסן.
דער שניי וועט וויינקען: „תכריכים פאר אלע...
תכריכים פאר יונגע און גרייזן“

און פון יעדן קושאקל און פון יעדן
צווייגל וועלן זיך הענט הייבן
און ארויסבליקן פון יעדן ביימל
וועלן אויגן ווי פון וועלף און לייבן

ערגעץ אין א וואלדיקן מדבר
וואס טשאטעווען אויף דיינע טריט —
דיין אטעם-פארע וועט אפקלינגען [22]
ווי יעדער גאס פון דיין אייגן ווארים בלוט.....

איז א גרוס דיר יידע אברהם —
מיר גייען אויף דיין וואנדער. דעם שווערן,
נאר צו ווערסטו זיך נישט שעמען
פאר די אייניקלעכס בלוטיקע טרערן ?!...

---

און אצינד. בלימעלע, קינד-לעב.
טו-אן סימענטעלע און לאמיר גיין —
אט הוידלט זיך שוין די דריטע גרופע
און צווישן זיי מוזן מיר אויך שוין זיין.

נאר לאמיר נישט וויינען. לאמיר נישט
יאמערן. און להכעיס אלע שונאים —
שמייכלען, נאר שמייכלען. אז וואונדערן
זאלן זיי זיך וואס יידן קאנען

און נישט פארשטיין אז אין אונדזער בלוט
ריזלט קראפט פון אונדזערע יידעס,
וואס זענען אין אלע דורות
געגאנגען אויף כלערליי עקדהס

אז כאטש אונדזער טריט איז וואקלדיק
ווי דעם בלינדנס פאר א פרעמדער טיר —
קלינגט אין אים דער עכא פון פעטערס
גאנג אויף די וועגן פון סיביר.

אז כאטש ווי ביי געפאנגענע חיה
ציקט די שרעק אין אונדזער וויט —
ברענט דער שטאלץ אין פלאמיק-הייסן בליק
ווי ביים סאטן ארוף דער תליה.

אז כאטש מען קאן אונדז יעדער מינוט
פארפייניקן און אויך דערשיסן —
ער, נישט קיין נייעס איז עס — אונדזער
שוועסטער האט מען נאקעט געשמיסן.

איז לאמיר נישט וויינען. לאמיר נישט
יאמערן און להכעיס אלע שונאים —
שמייכלען, נאר שמייכלען, אז וואונדערן
זאלן זיי זיך וואס יידן קאנען

און נישט וויסן אז סיבאגלייטן אונדז היינט
די זעלבע מלאכים, וואס אמאל —
פון רעכטס — מיכאל, פון לינקס גבריאל,
פון פארנט — אוריאל, פון אונטן רפאל.

און כאטש אונטער די טריט — דער טויט —
איבערן קאפ — די שכינה פון גאט —
איז קינד ארויס מיט מסירת נפש
נייעם און מיטן אלטן אחד.

ל. ג. פעברואר 1942 23